בס"ד

# שיחתי

שיעורי הרב
משה יצחק
אויסטערליץ
שליט"א

רג
בראשית תשפ"ז
מכון שיחתי
שיעורי הרב משה יצחק אויסטערליץ שליט"א

## שבת בראשית – מברכים חשון

לקראת "שבת בראשית" און "שבת מברכים" - ערב ראש חודש חשון הבא עלינו ועל כל ישראל לטובה.

### הפטורה פון 'מחר חודש'

אז מ'גייט בענטשן ראש חודש און זאגן "ראש חודש חשון יהיה מחר", אז זונטאג וועט זיין ראש חודש. דאס ברענגט מיט זיך די שינוי אין דער הפטורה, אז מ'וועט זאגן די ספעציעלע הפטורה פון "מחר חודש". אין דעם ענין זענען דא עטליכע שטארקע נקודות און אינטערעסאנטע חידושים בשייכות צו דער פרשה, אפצולערנען וואס דער "**שבת בראשית - מחר חודש**" האט ארויסצוברענגען.

[עס איז אינטערעסאנט אנצומערקן פאר די וואס האבן א געפיל פאר די סארט חשבונות, אז די היכי תמצא פון דעם אויסשטעל פון אזא יאר וואס ראש השנה געפאלט שבת, ברענגט מיט זיך א משך זמן פון פופצן וואכן נאכאנאנד וואס אין די אלע פופצן וואכן איז די הפטורה אנדערש ווי געווענליך. דער פשוט'ער מהלך איז, אז מ'האט מתקן געווען צו זאגן א הפטורה אין די ספרי הנביאים וואס זאל זיין מענין הפרשה. אבער עס זענען דא אסאך פעלער וואס די הפטורה איז נישט מענין הפרשה נאר מעניני דיומא, צוליב פארשידענע סיבות.

ווען מאכט זיך די מערסטע די געלעגנהייט אז די הפטורה זאל נישט זיין דירעקט מענין הפרשה? דאס זענען די צען וואכן - די דריי וואכן פאר תשעה באב און די זיבן וואכן נאך תשעה באב - וואס דעמאלטס האט מען קובע געווען, אזוי ווי מיר פירן זיך לויט מסכת סופרים (כאטש אין גמרא שטייט עס נישט), אז מ'זאגט הפטורות וואס ווערן אנגערופן "תלת דפורענותא" און "שבע דנחמתא". האבן מיר צען וואכן וואס די הפטורה איז נישט פון דער פרשה, נאר מ'גייט אוועק צו עניני דיומא.

ווען די צען וואכן גייען דורך, קומט מען נאך נישט גלייך צוריק צום נאטורליכן סדר ההפטורות, אז די הפטורה מיט די פרשה זאלן גיין צוזאמען. לאמיר זען וויפיל וואכן עס שלעפט זיך נאכדעם ביז מ'קומט אן צוריק צו א געווענליכע הפטורה. עס טיילט זיך אין דריי שטאפלען: אויב עס שטעלט זיך אויס אזא יאר וואס ראש השנה געפאלט מאנטאג אדער דינסטאג, איז דא נאך איין וואך לענגער. די וואך פון שבת שובה, וואס קומט אויס שבת פרשת וילך, איז אויך נישט די הפטורה מענין הפרשה, נאר מ'זאגט די הפטורה פון שבת שובה. אבער איין וואך שפעטער, שבת האזינו, איז שוין יא א געהעריגע הפטורה מענין הפרשה; דעמאלטס לייענט מען שירת האזינו, און די הפטורה איז "וידבר דוד לה' את דברי השירה הזאת", די זעלבע הפטורה פון שביעי של פסח, וואס איז מענין הפרשה צוליב דעם ענין פון דער שירה.

אין אזעלכע יארן וואס ראש השנה איז מאנטאג אדער דינסטאג, זענען דא עלף וואכן נאכאנאנד וואס די הפטורה איז נישט מענין הפרשה, און נאכדעם קומט מען צוריק. אבער א יאר וואס ראש השנה וועט געפאלן דאנערשטאג און פרייטאג, דעמאלטס גייט עס אזוי: נאך די צען וואכן פון פורענותא און נחמתא, האבן מיר אן עלפטן שבת וואס איז שבת שובה, וואו עס איז ווייטער נישט די הפטורה מענין הפרשה. דער צוועלפטער שבת איז שבת יום הקדוש, וואו עס איז בכלל נישטא קיין פרשה, נאר אינגאנצן עניני דיומא. דער דרייצנטער שבת איז שבת חול המועד סוכות, אויך נישט קיין פרשה. דער פערצנטער שבת קומט אויס שבת אסרו חג שמחת תורה, דאס איז שבת בראשית, און דעמאלטס זאגט מען שוין צוריק א הפטורה מענין הפרשה. אין אזא יאר

זענען דא דרייצן וואכן ביז מ'טרעפט זיך צוריק מיט א געווענליכע הפטורה מענין הפרשה.

עס קומט אבער צו דער קביעות ווי דאס יאר וואס ראש השנה איז געפאלן שבת. לאמיר מאכן דעם חשבון: צען וואכן פון די דריי וואכן ביז נאך ראש השנה. שבת ראש השנה איז דאך א יום-טוב'דיגע הפטורה און עס איז נישטא קיין פרשה. שבת שובה איז ווייטער די הפטורה מענין שבת שובה און נישט פון דער פרשה, דאס איז שוין די צוועלפטע. נאכדעם קומט שבת סוכות און שבת שמיני עצרת, דאס זענען שוין די דרייצנטע און פערצנטע וואכן וואס עס איז נישטא קיין הפטורה מענין הפרשה. ענדליך קומט מען שוין אן צו דער פופצנטער וואך, שבת בראשית, אבער ווייטער גייט מען זאגן די הפטורה פון "מחר חודש", איז עס דאך ווייטער נישט מענין הפרשה. ערשט קומענדיגע וואך, פרשת נח, ווערט מען זיך צוריקטרעפן צום געווענליכן סדר. קומט אויס אז פון פרשת בלק ביז פרשת נח זענען דא פופצן שבתים נאכאנאנד וואס האבן נישט דעם געווענליכן ענין אז די הפטורה זאל זיין מענין הפרשה. עס איז אינטערעסאנט ווי דער "מחר חודש" וואס קומט דא אריין, ציט לענגער אזא לאנגן המשך פון פופצן וואכן וואס די הפטורה איז פון א זייטיגן ענין.]

אבער דער אמת איז, מ'זעט עס אסאך אין די ספרים הקדושים, אז הגם מ'קען נישט זאגן אז מ'האט קובע געווען די הפטורה צוליב דער פרשה - ווייל די הפטורה פון מחר חודש קען דאך געפאלן אין אזויפיל אנדערע פרשיות איבערן יאר - אבער איינמאל די הפטורה ווערט שוין געזאגט אין דעם שבת, אין די תורה הקדושה איז נישט דא אזא זאך אז מ'זאל נישט טרעפן א קשר צו יעדן ענין וואס קומט אונטער. **מען מוז טרעפן אין דער פרשה אליין עפעס וואס לערנט זיך אפ בשייכות צו דעם.** אוודאי יעדער מאל וואס עס געפאלט די הפטורה פון מחר חודש, טרעפט מען אין "מחר חודש" אליין עפעס וואס געהערט דייקא צו דער ספעציפישער פרשה.

דאס קען מען זען זייער שטארק אין דער תורה פונעם הייליגן **חתם סופר זי"ע,** [נאך שטייענדיג אינ'ם שאטן פונ'ם יומא דהילולא קדישא] אין "חתם סופר על התורה" זענען דא זייער אסאך תורות אויף **מחר חודש** אדער **שבת ראש חודש**, און עס איז צושפרייט אין אלע פינף חלקים. יעדע מאל ווען עס האט זיך געמאכט א מחר חודש אדער א ראש חודש, זענען די תורות געשטעלט אויף יענעם פלאץ וואו עס איז דעמאלטס געפאלן. אז מ'לערנט די תורות זעהט מען קלאר אז מ'קען נישט צוזאמנעמען אלע "מחר חודש'ס" פון אלע בענדער חתם סופר און מאכן איין קונטרס, ווייל מ'דארף ביי יעדע מחר חודש זען אין "וועלכע פרשה" דער חתם סופר האט עס געזאגט; **דער ענין וואס ער האט אריינגעטייטשט אין מחר חודש איז געווען לאורו פון יענע פרשה.**

## "שטארקייט" פון א פרוי...

מיר וועלן נאכזאגן איין שטיקל לחביבות הענין, א גאר אינטערעסאנטן פשט, ווי דער חתם סופר האט געלערנט א כוונה אין דער הפטורה פון **מחר חודש** לאורו פון **פרשת בראשית**, ווען עס איז געפאלן **שבת ערב ראש חודש חשון.** אין דער מעשה פון מחר חודש, אין דער הפטורה, ווערט געברענגט די גרויסע אהבה צווישן יהונתן און דוד. ווען שאול המלך האט זיך נאכגעפרעגט פארוואס דוד איז נישט געקומען צו דער סעודה היינט, האט יהונתן פרובירט אים צו פארטיידיגן און געזאגט אז מסתמא האט ער עפעס א "זבח משפחה"; און דערפאר איז דוד המלך נישט געקומען. עס שטייט אין פסוק אז שאול המלך איז געווארן מורא'דיג ברוגז אויף זיין אייגענעם זון יהונתן צוליב דעם וואס ער האט אזוי ליב דוד. ער האט אים ארויסגעברענגט: "דו ווייסט אז כל זמן דוד איז דא, איז עס אויף דיין חשבון, ווייל אויב דוד וואלט נישט דא געווען, וואלט די מלוכה געגאנגען פון שאול צו זיין זון יהונתן, און צוליב דעם וואס דוד המלך איז דא, וועט ער איבערנעמען די מלוכה."

שאול המלך האט דעמאלטס געניצט א גאר שארפע לשון קעגן זיין זון יהונתן פארן זיך אננעמען פאר דוד: "בן נעות המרדות לבשתך ולבשת ערות אמך". דער פשוט'ער אפטייטש איז, אז ער האט געטשעפעט זיין אייגענעם זון און געזאגט: "דו ביסט א זון פון א ווידערשפעניגער פרוי, דו פארשעמסט דיין אייגענע מאמע, דו ביסט א בושה פאר דיין מאמע אז דו פירסט זיך אזוי אויף." אויבנאויף זעט עס אויס ווי סתם א שארף לשון ארויסצוברענגען די פארדרוס אויפ'ן קינד, אבער אוודאי איז עס נישט "סתם אן אויסדרוק". וואס ליגט אונטער דעם? רש"י אין ספר שמואל ברענגט צוויי פשטים. אין די צווייטע פשט ברענגט רש"י אן אינטערעסאנטע זאך, אז די מאמע פון יהונתן (א מלך האט דאך געהאט עטליכע נשים) די אשת שאול וואס איז געווען די מאמע פון דעם קינד יהונתן, איז טאקע געווען א "שטערקערע" סארט פרוי, וואס מ'קען אנרופן א "ווידערשפעניגע" פרוי; נישט דוקא זייער א איידעלע, צוגעלאזענע פרוי, נאר מער אזא איינע וואס קומט אריין מיט א "פעסטקייט".

וואס איז געווען די מעשה? וואו זעט מען דעם ענין? רש"י ברענגט אז עס איז געווען ווען עס איז געקומען צו שידוכים. אין יענע צייטן איז געווען דער סדר, ווי מען זעט אין די משנה אין מסכת תענית וועגן חמישה עשר באב, אז די מיידלעך פלעגן ארויסגיין אין די וויינגערטנער און די בחורים פלעגן דארט אויסקלייבן א שידוך. שאול המלך איז געווען א מורא'דיגער ביישן; ער האט נישט געהאט דעם קוראזש און די שטארקייט אליין צו גיין נעמען א פרוי. די פרוי, די מאמע פון יונתן, איז געווען א פעסטע כאראקטער, א גאר שטארקע כח, און זי איז צוגעגאנגען צו שאול מיט א שטארקייט און געזאגט: "דו גייסט מיט מיר חתונה האבן." אזא סארט פרוי איז זי געווען.

דערפאר יעצט, ווען יונתן האט זיך נישט אויפגעפירט ווי עס דארף צו זיין לויט ווי שאול המלך האט עס אפגעטייטשט - אז יונתן ווידערשפעניגט אין די חשיבות פון די משפחה מיט

דעם וואס ער האט אזוי ליב דוד - האט שאול גענוצט דעם ענין אלס א טשעפע: "דיין מאמע איז שוין אויך געווען אזא ווידערשפעניגער." דאס מיינט דער פסוק "בן נעות המרדות", אז דו פארשעמסט דיין מאמע מיט דעם וואס דו פירסט זיך אויך אויף מיט ווידערשפעניגקייט קעגן די משפחה. אזוי לערנט רש"י פשט דארט אין ספר שמואל.

זאגט דער חתם סופר יעצט שטייענדיג אין פרשת בראשית, אז מ'דארף עס אפלערנען אביסל טיפער, אז די טשעפע וואס שאול האט געטשעפעט יונתן אז זיין מאמע איז א ווידערשפעניגער, האט טאקע א שטארקע שייכות צו דעם ענין פון זיין געטריישאפט צו דוד. עס איז נישט סתם אז אין א שטרענגע מינוט ווארפט מען ארויס א טשעפע און מען כאפט אן יענעמ'ס שוואכקייט; שאול המלך האט דא געוואלט ארויסברענגען פאר יונתן די "טיפקייט" פון זיין האנדלונג.

איז ער מסביר די ענין גאר חידוש'דיג וואס איז די ריכטיגע מציאות? ווער דארף זיין דער **בעל הבית** צווישן א **מאן** און א **פרוי**? ווער איז דער **שטארקער** און ווער דארף זיין דער **הכנעה'דיגער?** אויב מען קוקט אריין אין פרשת בראשית, זעט מען אז עס איז דא א קללה פאר דער פרוי אז דער מאן זאל געוועלטיגן אויף איר, "**והוא ימשל בך**". אויב דאס אז דער מאן געוועלטיגט אויף דער פרוי איז א "קללה", דארף די קללה נישט בלייבן אויף אייביג. ווען עס וועט קומען די צייט וואס דער גאנצער ענין פון **חטא עץ הדעת וועט קומען צו זיין ריכטיגן תיקון**, דארף די קללה בטל ווערן. אויב עס איז נאר א קללה צוליב דעם חטא, דארף עס ביים תיקון השלם "נעלם ווערן".

דער הייליגער חתם סופר לערנט אויס פון דעם, אז לעתיד לבוא ווען עס וועט זיין דער תיקון השלם און אלעס וועט צוריקגיין אזוי ווי פאר דעם חטא פון עץ הדעת, וועט שוין בכלל נישט זיין אויסגעשטעלט אז דוקא דער מאן דארף זיין דער בעל הבית. די **פרוי** וועט פונקט אזוי קענען זיין דער **בעל הבית** אויפן **מאן**, ווייל די קללה פון "והוא ימשל בך" וועט מער נישט עקזיסטירן.

שאול המלך האט געמיינט אז די מלוכה קען ביי אים בלייבן, וואס דאס וואלט געמיינט אז יעצט קען שוין זיין דער "**תיקון השלם**" און אלעס שטעלט זיך שוין אויס אויפן ריכטיגן וועג. אויב אזוי, איז נישט קיין בושה פאר יונתן'ס מאמע וואס זי איז געווען אזא פעסטע כאראקטער און שטערקער ווי איר מאן, ווייל דאס איז שוין א חלק פון דעם **תיקון השלם** וואו **פרויען** קענען זיין **בעל הבית**.

אבער יעצט קומט יונתן און ברענגט ארויס די חשיבות פון דוד; מיט דעם ווייזט ער ארויס אז דא ליגט נאך נישט די גליק, און נישט ביי די משפחה פון שאול וועט זיין די שלימות המלוכה. דוד איז דער וואס גייט ארויפברענגען די גאנצע זאך, מיינט עס אז מיר האלטן נאך נישט ביים תיקון השלם און מען דארף נאך גיין אינעם מהלך פון "והוא ימשל בך". אויב אזוי, אז א פרוי זאל זיך **יעצט** אויפפירן מיט **אזא שטארקייט** "פאר'ן" תיקון השלם, איז עס טאקע נישט קיין **כבוד** נאר א **בושה**. זאגט דער חתם סופר אז לויט דעם איז עס מורא'דיג צוגעפאסט: שאול המלך שרייט אויף יונתן: "פארוואס ביסטו אזוי געטריי פאר דוד? מיט דעם ברענגסטו ארויס אז אונזער מלוכה איז נאך ווייט פון שלימות. דאס איז א בושה פאר דיין אייגענע מאמע, ווייל איר התנהגות ווערט נישט פארענטפערט אלס א חלק פון תיקון השלם, נאר עס בלייבט א **פשוט'ע חוצפה**." דאס איז די טיפקייט פון "בן נעות המרדות", אז "כל הימים אשר בן ישי חי על האדמה לא תכון אתה ומלכותך". דאס איז איין ווארט פונעם הייליגן חתם סופר.

## "וויכטיגע מודעה" פון "מחר חודש"

מיר וועלן פרובירן מיט דער הילף פון אייבערשטן אנרירן צוויי ענינים פון דער "**הפטורה**" וואס רירן אן יסודות'דיגע ענינים אין "**פרשת בראשית**".

באמת דארף מען זיך קודם אפשטעלן אויף דעם גאנצן נושא פון דער הפטורה פון מחר חודש. וואס איז דער פשוט'ער טעם אז יעדעס מאל וואס ראש חודש געפאלט זונטאג דארף מען זאגן די הפטורה? וואס פעלט דאס אויס? די טעם וואס די פוסקים געבן אן איז כדי **מפרסם צו זיין פארן עולם אז מארגן איז ראש חודש**. עס קוקט אויס אז דאס איז פשוט א וועג אויסצורופן אין בית המדרש אז יעדער זאל וויסן דעם זמן פון ראש חודש. מען האט געטראפן א מורא'דיגן געדאנק: מען וועט זאגן א ספעציעלע הפטורה וואו דער באגריף "**מחר חודש**" ווערט דערמאנט, און אזוי וועט דער עולם וויסן אז **מארגן זונטאג** איז **ראש חודש**.

לכאורה איז דאס זייער שווער צו פארשטיין; עס מוזן דא ליגן באהאלטן "**דברים נסתרים**". ווייל אויב דער טעם איז בלויז צו מפרסם זיין אז מארגן איז ראש חודש, פארוואס איז עס אזוי וויכטיג דוקא ווען עס געפאלט זונטאג צו מאכן אזא עסק מיט'ן הפטורה? ווען ראש חודש געפאלט מאנטאג אדער דינסטאג דארף מען עס נישט מפרסם זיין? אויף דעם איז דא אן עצה פון "מברכים החודש" אדער אנדערע וועגן. פארוואס נאר ווען עס געפאלט זונטאג איז עס אזא "עמערדזשענסי" אז מען מוז מאכן א ספעציעלן מצב מיט דער הפטורה? עס איז שווער צו זאגן אז נאר ווייל מען האט גראדע געפונען א פסוק האט מען עס גענוצט. וואס איז די ספעציעלע וויכטיגקייט עס מפרסם צו זיין זונטאג מער ווי סיי וועלכע אנדערע טאג אין דער וואך? על כל פנים, זעט מען אז "יש דברים בגו", און דער ענין פון הפטורת מחר חודש האט אין זיך א **באהאלטענע נקודה** און א **ספעציעלע עבודה** וואס איז דייקא נוגע ווען ראש חודש געפאלט זונטאג. וואס ליגט טאקע אונטער דעם?

איז דא א מהלך על פי פנימיות, אז דער ענין פון זאגן די הפטרה פון "מחר חודש" איז נישט נאר צוליב דעם **מארגנדיגן** טאג,

כדי מודיע צו זיין אז מארגן איז ראש חודש. דער ענין פון די הפטרה איז נוגע פארן **הייניגן** טאג אליין, פאר די עבודת השבת. וואס מיינט דאס? וואס איז נוגע פאר די עבודת השבת דאס זאגן די הפטרה?

ווען מען קוקט אריין אין די וואכעדיגע פרשה, פרשת בראשית, זעט מען דעם פערדן טאג פון די בריאה דעם גאנצן ענין פון די זון און די לבנה. דער אייבערשטער האט קליין געמאכט די לבנה, וואס דאס איז דער ענין פון "מיעוט הירח". אויף דעם שטייט אין די גמרא אז דער אייבערשטער האט געהייסן ברענגען א קרבן יעדן ראש חודש: "הביאו עלי כפרה על שמיעטתי את הירח". דער ענין פון מיעוט הירח איז א זייער טיפער ענין, וואס ווערט אנגערופן א בחינה פון א "פגם", און אלע סארטן דינים קומען ארויס פון דעם מיעוט הירח. אויף דעם זענען מיר שוין מתפלל אז לעתיד לבוא בקרוב בימינו זאל זיין "אור הלבנה כאור החמה", און עס זאל מער נישט זיין קיין מיעוט הירח. צוליב דעם ענין פון מיעוט הירח איז דער טאג פון **ערב ראש חודש** א גאר ספעציעלע צייט פאר **תשובה** און **תענית**; דאס איז ווייל ערב ראש חודש קומט די לבנה אן צו איר קלענסטער מדרגה וואס איז שייך. תיכף נאכדעם קומט דער מולד הלבנה און זי ווערט געבוירן פון פריש. די שווערסטע צייט פון דעם מיעוט הירח איז ערב ראש חודש, און צוליב דעם דארף מען פאסטן ערב ראש חודש. [מהאי טעמא פירט מען זיך אזוי שטארק על פי המקובלים, אז איינמאל עס איז שוין געווען דער מולד, זאל מען שוין מער נישט פאסטן ערב ראש חודש. דאס איז ווייל איינמאל עס איז שוין דער מולד, הייבט זיך שוין אן דער תיקון פונעם חודש לפי ערך, אבער דער ענין בכלל פון מיעוט הירח איז א כסדר'דיגע עבודה ביז צום תיקון השלם].

דוד המלך איז דאך דער גאנצער ענין פון די **לבנה**, ווי מען זאגט ביי קידוש לבנה: **"דוד מלך ישראל חי וקיים"**. דוד המלך איז מרמז אויף די לבנה. די גמרא זאגט שוין אז דער אייבערשטער האט מחזק געווען די לבנה מיט דעם וואס דוד ווערט אויך גערופן ווערן א "קטן", פונקט ווי די לבנה הייסט "המאור הקטן". דער מצב וואס ווערט באשריבן אין די הפטרה פון "מחר חודש" איז דער מצב ווען **דוד המלך** איז **קליין**; ער איז נאך געווען א שטוב-מענטש, א דינער אין דעם הויז פון שאול המלך. יונתן און דוד רעדן זיך דורך וויאזוי מען וועט זיך אן עצה געבן און באהאנדלען דעם שווערן מצב. די הפטרה ענדיגט זיך מיט די ווערטער "עד דוד **הגדיל**" - ביז **דוד** וועט ווערן **גרויס** - וואס דאס איז דער ציל פון אלעס.

קומט אויס אז מען רעדט דא פון א מצב וואו דוד איז קליין, ער געפינט זיך אין א זייער מצומצם'דיגן מצב, ער מוטשעט זיך, ער האט מורא און ער דארף אוועקלויפן. דאס וואס דוד המלך - די בחינה פון לבנה - איז קליין, דאס איז די בחינה פון מיעוט הירח. געווענליך ווען ערב ראש חודש געפאלט אינדערוואכן פאסט מען און מען טוט תשובה אויף דעם ענין פון מיעוט הירח. אבער אז עס געפאלט שבת, וואס איז נישט קיין זמן פון תענית, איז די עבודת התשובה אנדערש ווי אינדערוואכן. מען מאכט דעם **תיקון** פון **ערב ראש חודש** דורך זאגן די פסוקים וואס באהאנדלען א צוקלאפטן, באהאלטענעם און דערשראקענעם **דוד**, און וויאזוי מען קען אים העלפן ער זאל זיך קענען אנהייבן אויפצובויען. אזוי שטייט אין **"שער יששכר"** בתוך הדברים, אז דער גאנצער ענין פון די הפטרה פון מחר חודש איז נישט נאר פארן דרויסנדיגן מעסעדזש צו וויסן אז מארגן איז ראש חודש. ווייל אויב נאר צוליב דעם, וואלט עס נישט געווען אזא וויכטיגע זאך. נאר דאס איז נוגע די **עבודה** פון **ערב ראש חודש** - די עבודה פון ארבעטן אויף דעם מיעוט הירח. דאס וואס מען איז מקיים א שבת'דיגן טאג ערב ראש חודש, איז דורך זאגן די הפטרה פון מחר חודש, וואו מען ארבעט אריין צו נעמען די לבנה און איר מאכן גרויס.

לויט דעם דארף מען שוין נישט קיין גרויסע הסברים פארוואס **שבת בראשית** מיט **מחר חודש** זענען ממש איינס. דאס וואס פרשת בראשית ברענגט ארויס אז דערווייל איז נאך נישטא קיין "שני מאורות הגדולים" נאר א "מאור הקטן", קומט די **הפטרה און הייבט אן די פעולות צוצוברענגען צום ריכטיגן שלימות התיקון**, עס זאל שוין ווערן בשלימות גמור, און מען ארבעט אריין כוחות פון "עד דוד הגדיל".

## צוגרייטן דעם עולם צו "פראווענען מלוה מלכה"

עס קען אפשר זיין אויף אן אנדערן אופן: וואס איז אזוי וויכטיג צו מאכן א גאנצן מצב פון "מחר חודש" ווען ראש חודש געפאלט זונטאג מער ווי סיי וועלכע אנדערע טאג אין די וואך? עס קען זיין אז עס איז טאקע יא וויכטיג, ווייל אלעמאל ווען עס מאכט זיך א ספעציעלע שעת הכושר דארף מען עס שטארק ארויפברענגען פארן עולם און אנמערקן פאר יעדן איינעם, כדי מען זאל אויסנוצן די געלעגנהייט און זיך גוט אנהאלטן אין דעם. ווען ראש חודש געפאלט זונטאג, איז דאס א גאר ספעציעלע עת מסוגל אויפצוטון דעם ענין פון ברענגען א שלימות און א התגלות פארן ענין פון מלכות בית דוד, און דאס איז ביי דעם ענין פון מלוה מלכה. דא דארף מען ארויסברענגען אז דער **עיקר הלכה** איז דער ענין פון סעודת ראש חודש דוקא "בייטאג", הגם מיר פסק'ענען נישט אז עס איז א **חיוב גמור** נאר א **מצוה** (כאטש דער ירושלמי האלט אז עס איז ממש א חיוב), ווי די לשון השולחן ערוך **"מצוה להרבות בסעודת ראש חודש"**, אבער עס איז א **גרויסע מצוה** מיט **גרויסע סגולות** כידוע. [עס איז שוין אויסגעקומען בסיעתא דשמיא (לקראת ר"ח כסלו תשע"ט) - צו זאגן א לענגערע שמועס איבער דעם גאנצן ענין פון סעודת ראש חודש, וואספארא דרגה סעודה מען דארף מאכן און וואס מען דארף עסן ביי יענע סעודה]

די סעודת ראש חודש איז "עיקרו ביום" - בעצם באלאנגט עס דוקא אינמיטן **טאג** פון ראש חודש. ביינאכט איז מען נאכנישט **יוצא** דעם ענין פון סעודת ראש חודש, אבער ביינאכט ווען מען עסט א סעודה איז דאך אויך ראש חודש, האט עס אויך דעם **כח** פון א **סעודת ראש חודש**; מען איז נאר נישט יוצא דעמאלטס ווייל דאס איז נישט

דער עיקר זמן.

עס איז דא א באקאנטע באמערקונג אין דעם סדר **השולחן ערוך** (וואס בעצם איז דאס דער סדר פונעם טור, דער רבינו הטור האט אויסגעשטעלט די סימנים), אז עס זענען דא צוויי סימנים אין שולחן ערוך אורח חיים וואו עס זעט אויס ווי מען האט געמאכט א גאנצן מצב פון א קלייניגקייט. מען האט קובע געווען א גאנצן סימן פאר א זאך וואס איז בעצם א גרינגער פרט וואס וואלט געקענט רואיג אריינגעשלעפט ווערן אין אן אנדערן סימן. דאס זענען די צוויי סימנים: איינס איז **סימן ש'** אין **הלכות שבת**, וואו עס שטייט די הלכה פון מאכן מלוה מלכה: "**לעולם יסדר אדם שולחנו במוצאי שבת, אף על פי שאין צריך אלא לכזית**", מען זאל מאכן די מלוה מלכה בדרך כבוד. דארט איז דא א גאנצער סימן בלויז פאר דעם ענין פון מלוה מלכה. און די צווייטע איז אין **הלכות ראש חודש**, **סימן תי"ט**, איז דא איין קורצער סימן פון איין שורה: "**מצוה להרבות בסעודת ראש חודש**".

עס איז אן אינטערעסאנטע זאך אז דער רבינו הטור און דער מחבר השולחן ערוך האבן אוועקגעגעבן א גאנצן סימן פאר די קורצע צוויי הלכות - א גאנצע סימן פאר **מלוה מלכה** און א גאנצע סימן פאר **סעודת ראש חודש**. שרייבט דער **שער יששכר** אז דער הסבר דערפון איז ממש די בחינה: אלעס וואס מיר זעהן אין די דברי רבותינו הפוסקים הגם ס'איז געשריבן געווארן על פי נגלה איז דאך דא אין דעם **פנימיות'דיגע כוונות** און העכערע **סודות'דיגע טעמים**. די ביידע סעודות, סיי מלוה מלכה און סיי סעודת ראש חודש, געהערן צו דוד המלך. מלוה מלכה איז דאך די "**סעודתא דדוד מלכא משיחא**", און ראש חודש - דער גאנצער ענין פון די לבנה - איז דאך מרמז אויף **דוד המלך**. מען זעט אין די גמרא אין סנהדרין, אז ווען מען האט געוואלט שיקן א סימן אז מען האט מקדש געווען די לבנה, האט מען געגעבן דעם סימן "דוד מלך ישראל חי וקיים". די ביידע זענען זייער קליין; היינטיגע צייטן קוקט עס אויס ווי א קלייניגקייט. דער ענין פון די לבנה איז קליין, און דער ענין פון מלכות בית דוד איז דערוויל קליין.

וואס איז אונזער עבודה? אונזער עבודה איז "**עד דוד הגדיל**" - וואס איז דער שפיץ פון די הפטורה פון מחר חודש - צו מאכן דוד גרויס. דאס מיינט בעטן דעם אייבערשטן און טון אלע עבודות כדי מיר זאלן שוין זוכה זיין צו די **גדלות** פון **מלכות בית דוד**, עס זאל שוין זיין "אור הלבנה כאור החמה", און צוריקברענגען דעם מצב ווי עס איז געווען ביי בריאת העולם, "את שני המאורות הגדולים".

ווען מען נעמט א "קליינע מלוה מלכה", וואס מען דארף מעיקר הדין נישט מער ווי א "כזית", און מען מאכט דערפון א גאנצן מצב, מען מאכט עס "גרויס און בכבוד'יג", איז דאס א רמז: מען נעמט דעם **קליינעם** "דוד'ל", דאס קליינע לבנה'לע, און מען ארבעט עס זאל ווערן **גרויס**, "עד דוד הגדיל". דאס זעלבע איז ווען מען נעמט א "קליינע סעודת ראש חודש", וואס איז נישט קיין גרויסע חיוב מעיקר הדין, און מען פירט זיך צו "להרבות" - ווי דער לשון המחבר איז "מצוה להרבות בסעודת ראש חודש" - מען מאכט עס גרויס. וואס טוט מען דערמיט? מען נעמט די לבנה וואס איז קליין, און דורך דעם "להרבות" מאכט מען עס גרויס.

כדי ארויסצוברענגען **די 'טיפקייט' און די 'חשיבות' פון די עבודה וואס ליגט אין די צוויי סעודות**, האט דער שולחן ערוך געגעבן פאר יעדן איינעם א באזונדערע סימן, א קליינטשיגן סימן. אבער פון די צוויי קליינע סימנים דארפן מיר ארבעטן צו מאכן גרויס דעם קליינעם דוד, וואס דאס איז די עבודה פון די צוויי סעודות פון מלוה מלכה און ראש חודש: צו מאכן גרויס דעם ענין פון מיעוט הירח, דעם ענין פון דוד מלך ישראל חי וקיים.

יעצט קען מען זיך פארשטעלן, ווען די **צוויי קומען זיך צוזאם אויף איינמאל**, איז דא א "דאפלטער" כח, אז עס קומט אויס אויף איינמאל אז **מלוה מלכה** איז אויך **ראש חודש**, האט עס א שטערקערן כח, "טובים השנים". און אז עס האט א שטערקערן כח, איז עס אודאי א מער מסוגל'דיגע צייט, אן עת רצון פון "עד דוד הגדיל", אריינצולייגן יעצט א השפעה אז עס זאל ווערן גרויס. ווער רעדט נאך ווען עס איז "**מוצאי שבת בראשית**", וואס דאס איז דער שבת פון דעם גאנצן ענין פון בריאת העולם, וואס מיר ווילן דאך צוריקברענגען דעם תיקון פונקט ווי עס איז געווען "**מבראשית**".

עס קען אפשר זיין אז צוליב דעם האט מען געמאכט אזא מצב פון דעם "מחר חודש", אז מען מוז מאכן א ספעציעלע הפטורה ווען זונטאג איז ראש חודש, כדי **דער עולם זאל געדענקען וואס מיר דארפן טון היינט ביינאכט.** היינט ביינאכט האבן מיר א ספעציעלע עבודה; דאס וואס איז נוגע יעדע וואך ביי "מלוה מלכה" און יעדן "ראש חודש", היינט ביינאכט האבן מיר "ביידע אינאיינעם". אז מען וועט זאגן די הפטורה און מעורר זיין דעם עולם אז "מחר חודש", זונטאג איז ראש חודש, און מען וועט זאגן די ווערטער אין די הפטורה וואס רעדן ארום דעם, אז די גאנצע תכלית איז "עד דוד הגדיל", ביז דוד וועט ווערן גרויס, און דאס איז אונזער ארבעט עס גרויס צו מאכן - דעמאלט וועט דער עולם מער צולייגן מחשבה, קאפ און כוונה בשעת'ן עסן די **ראש חודש'דיגע מלוה מלכה.** און האפן מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף אז דער דאפלטער כח פון די צוויי הלכות, די צוויי סימנים אין שולחן ערוך, וועט טאקע ברענגען א שטערקערע השפעה, און ממילא וועט מען קענען מער אויפטון. איז וויכטיג דאס ארויסצוברענגען כדי מען זאל חלילה נישט דורכלאזן "**אזא שעת הכושר**" פון א דאפלטע השפעה פון "**דוד הגדיל**", וואס דאס שטעלט זיך אויס דוקא אין א בחינה פון מחר חודש, ווען מלוה מלכה און ראש חודש קומען צוזאמען.

עס איז דא דא נאך א נקודה, וואס איז משמע פון די ווערטער פונעם **מאור ושמש**. (הגם עס שטייט נישט ממש אפן, זעט עס אזוי אויס בתוך דבריו הקדושים), אז לגבי די קדושה פון ראש חודש געווענליך באלאנגט די סעודת ראש חודש בייטאג און נישט ביינאכט, וויל ווען ראש

חודש קומט אריין אנפאנג נאכט, האט עס בדרך כלל נאכנישט די גאנצע שטארקייט פון ראש חודש (ווי מען זעט אין די הלכה אז מען דארף נישט איבערדאווענען אויב מען האט פארגעסן יעלה ויבא ביי מעריב). עס קען אבער זיין א חילוק אויב דער ראש חודש קומט פון די וואכן-טעג; דעמאלט דויערט עס צייט ביז דער ראש חודש פלאקערט אויף, און די נאכט פון ראש חודש האט נאכנישט די ריכטיגע השפעה. אבער אויב **ראש חודש קומט פון א קדושה**, און נאך פון א העכערע קדושה ווי **קדושת שבת**, דעמאלט איז עס פארקערט: **גלייך ביים אנפאנג פון ראש חודש קאכט שוין דאס פייער פון ראש חודש**, ווייל ער קומט נישט פון "**אונטן – ארויף**", נאר פון "**אויבן – אראפ**". דאס קען זיין נאך א נקודה, אז ווען ראש חודש געפאלט מוצאי שבת, איז די נאכט פון ראש חודש אינגאנצן אין די שטארקייט פון די קדושה, וויבאלד דער טאג ראש חודש קומט אריין פון א סאך גרעסערע קדושה, און מען הייבט עס גלייך אן פון ביינאכט אויף א העכערע דרגה. אזוי איז אביסל משמע פונעם הייליגן מאור ושמש.

## מבטל זיין די "חשון–גזירות"

באמת, ווען מען רעדט פון ראש חודש חשון, אויסער דעם וואס עס איז מחר חודש פון מוצאי שבת בראשית, איז דאך דא דער ענין פון ראש חודש חודש חשון אליין. **ראש חודש חשון איז טאקע א וויכטיגע צייט צו מאכן א מצב פון ראש חודש**, און ספעציעל פון ביידע צוזאמען - מלוה מלכה און ראש חודש - ווייל מיט דעם, מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף, וועט מען אויספועל'ן אז דער **חודש חשון זאל זיין א גוטער און מסוגל'דיגער חודש**. דער הייליגער **בני יששכר** ברענגט נאך פון זיין גרויסן רבי'ן, הרה"ק רבי **ר' מענדעלע רימינאווער** זי"ע, אז מען זעט אלעמאל אז ווען עס מאכן זיך גזירות פון די מלכות, שווערע גזירות אויף שטייערן אדער אנדערע זאכן, איז עס בדרך כלל אין חודש חשון. דעמאלט איז די צייט ווען די מלכויות געבן ארויס זייערע שווערע גזירות. וואס איז דער פשט דערפון? פארוואס פונקט אין חודש חשון, זעט מען אז די גזירות המתחדשות פון די מלכויות און די שטייערן זענען אלעמאל אין דעם זמן? האט דער הייליגער רבי ר' מענדעלע רימינאווער געזאגט, אז דאס איז ווייל אין חודש חשון איז ליידער געשען א שרעקליכע זאך: דעמאלט איז געווען די מרידה אין מלכות בית דוד. ווי עס שטייט באריכות די גאנצע מעשה, אז ירבעם בן נבט האט באשטימט אן אייגענעם זמן צו מאכן א יום טוב כדי מען זאל נישט דארפן עולה רגל זיין (ווייל ער האט געהאלטן אז עס איז א בזיון פאר די מלכי ישראל), און ער האט איינגעפירט א נייעם יום טוב אין ט"ו חשון. וויבאלד חשון איז געווען א צייט פון מרידה אין דעם כבוד פון מלכות בית דוד, און מען האט געעפנט א יום טוב קעגן מלכות בית דוד, איז ליידער דא א פגם אין דעם ענין כל זמן משיח קומט נישט און מלכות בית דוד קומט נישט צוריק בשלימות. דאס איז גורם אז די אנדערע גוי'אישע מלכויות זאלן זיך קענען חלילה מתגבר זיין פונקט אין "דעם חודש" מיט זייערע שווערע גזירות. אזוי ברענגט דער בני יששכר פון דעם הייליגער רבי ר' מענדעלע רימינאווער.

אויף דעם זאגט דער הייליגער בני יששכר, אז ווי מער מען וועט אין דעם חודש עוסק זיין און ארויפברענגען מלכות בית דוד, אזוי ווי מיר זאגן אין דעם נוסח פון קידוש לבנה "ובקשו את ה' אלהיהם ואת **דוד מלכם**", מיט דעם וועט מען מאכן דעם **תיקון** פון די מרידה אין מלכות בית דוד. דורך דעם **וועט מען מבטל זיין דעם כח פון די מלכויות צו קומען מיט די אלע ביטערע און שווערע גזירות**, די אלע מיסים וארנוניות, ווייל אידישע קינדער וועלן ארבעטן צו פאררעכטן דעם פגם וואס איז דא אין דעם חודש.

ממילא איז עס א "דבר בעתו", אז חודש חשון הייבט זיך אן מיט א "מחר חודש", מיט די אלע פסוקים וואס זענען געשטעלט געווארן אויף דעם **תיקון** פון **מלכות בית דוד**. צוזאמען מיט א **מלוה מלכה** און **ראש חודש** איניינעם, וואס איז אן ענין פון א דאפלטן כח צו מאכן דוד גרויס, איז עס פונקט די בעסטע סגולה אז דער חודש חשון זאל טאקע זיין "**הבא עלינו ועל כל ישראל לטובה**". די אלע מלכויות און רשעים זאלן נישט האבן קיין שום שליטה אויף אידישע קינדער, און פארקערט, מען זאל אין דעם חודש זוכה זיין צו די התגלות און די שלימות פון מלכות בית דוד, "ובקשו את ה' אלהיהם ואת דוד מלכם" אמן.


### להאזין ולהתענג משיעורי קול שיחתי

שיעורים קצרים מדי יום ביומו
ושיעורים מדי שבוע בשבוע



אמעריקע: 605-477-5551
ארץ ישראל: 073-388-6653
אייראָפּע: 44-333-070-6593



### פאר הערות, הוספות, נדבות, און באקומען דעם גליון אויפן אימעיל:

אימעיל:
machonsichoosi@gmail.com
טעלעפאָן:
605-477-5551,7